ב"ה

# טעראַפּי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאָנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 63

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט״א

## מעג איך אראפנעמען מיינע ווייסע האר?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*מיין האר הויבט אן ווייס צו ווערן, און עס שטערט מיר און אויך פאר מיין ווייב, עס מאכט מיר שפירן אז איך ווער שוין אלט; מעג איך נוצן א צייג אדער א פארב וואס נעמט אראפ די ווייסע האר?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת נשא, ח' סיון, אסרו חג, שנת תשפ"ב לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

א מאן טאר זיך נישט פארבן די ווייסע האר אויסצוזען יונגער.

### "געב מיר צו עסן און צו טרינקען"

די ווייסע האר וועט דיר דערמאנען אז נאך אביסל וועלן מיר אוועקגיין פון די וועלט, דארט איז נאר אינטערעסאנט די גוטע זאכן וואס מען האט איינגעכאפט בזה העולם, דארט איז אינטערעסאנט פרקים משניות און קאפיטלעך תהילים. אזוי ווי דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן כג): "בָּעוֹלָם הַבָּא מֻנָּחִין כַּמָּה בְּנֵי אָדָם בַּחוּץ וְהֵם צוֹעֲקִים בְּקוֹל מַר", אויבן אין הימל איז דא נשמות וואס שרייען מיט א ביטערע קול: "תְּנוּ לָנוּ מַה לֶאֱכֹל", געבט אונז עסן מיר זענען הונגעריג, געבט אונז טרינקען מיר זענען דורשטיג, "וּבָאִין אֶצְלָם וְאוֹמְרִים לָהֶם: 'הֲרֵי לָכֶם אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה אִכְלוּ וּשְׁתוּ'", מען ברענגט זיי עסן און מען זאגט זיי דא האט איר פיינע עסן, מען ברענגט זיי טרינקען און מען זאגט זיי דא האט איר פיינע טרינקען, "וְהֵם מְשִׁיבִים 'לֹא לֹא, אֵין אָנוּ צְרִיכִים אֲכִילָה זֹאת, רַק אָנוּ צְרִיכִים אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה שֶׁל תּוֹרָה וַעֲבוֹדָה'", די נשמות שרייען ניין, ניין, נישט דאס מיינען מיר, נישט די עסן, מיר דארפן עסן פון לערנען און דאווענען, "וְכֵן מֻנָּחִים כַּמָּה בְּנֵי אָדָם עֲרֻמִּים בַּחוּץ וְהֵם צוֹעֲקִים גַּם כֵּן מְאֹד", נאכדעם איז דא נשמות וואס שרייען: "תְּנוּ לָנוּ בַּמֶּה לְהִתְכַּסּוֹת", ברענגט אונז קליידער מיר דארפן זיך צודעקן, "וּבָאִין אֶצְלָם וְאוֹמְרִים: 'הֲרֵי לָכֶם מַלְבּוּשִׁים'", מען ברענגט זיי קליידער, מען זאגט זיי דא האט איר קליידער, "וְהֵם מְשִׁיבִים: 'לֹא, אֵין אֵלּוּ מַלְבּוּשִׁים נִצְרָכִים לָנוּ כְּלָל'", זאגן זיי ניין, ניין, נישט די סארט קליידער דארפן מיר: "רַק אָנוּ צְרִיכִים מִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים לְהִתְלַבֵּשׁ בָּהֶם", מיר דארפן קליידער פון מצוות און מעשים טובים. דער רבי האט אויסגעפירט: "אַשְׁרֵי מִי שֶׁזּוֹכֶה לֶאֱכֹל כַּמָּה פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת וְלִשְׁתּוֹת אַחַר כָּךְ אֵיזֶה קַפִּיטְלִיךְ תְּהִלִּים, וּלְהִתְלַבֵּשׁ בְּאֵיזֶה מִצְווֹת", וואויל איז דעם מענטש וואס עסט יעדן טאג פרקים משניות, טרינקט קאפיטלעך תהילים און טוט זיך אן מיט מצוות און מעשים טובים.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## פארוואס ווען מ'וויל זיין וואויל קומען אלע שוועריקייטן?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך האב געלערנט אין ליקוטי מוהר"ן (חלק א', סימן פ"ג) וואס דער רבי זאגט דארט אז ווען א מענטש וויל אנהויבן גיין אויפן גוטן און ערליכן וועג, דוקא דעמאלט ווערט נתעורר אויף אים דינים. וויל איך בעטן דעם ראש ישיבה שליט"א מסביר צו זיין וואס דער רבי זאגט דא, ווי אזוי דאס ארבעט, און ווי אזוי מ'קען לעבן מיט דעם.*

*איך ארבעט אויף מיר איך זאל זיין גוט און וואויל, ס'איז מיר נישט גרינג, ס'קאסט מיר אסאך כח און אסאך מאל ווער איך ממש אויסגעברענט, איך פרוביר אבער דאס בעסטע.*

*יישר כח פאר אלעס*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת שמות, י"ח טבת, שנת תש"פ לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער הייליגער רבי הויבט אן די תורה (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן פז) מיט א שטארקע קשיא וואס אלע האבן, "אָנוּ רוֹאִין בְּחוּשׁ, תֵּכֶף כְּשֶׁאָדָם רוֹצֶה לֵילֵךְ בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר מִתְעוֹרְרִין עָלָיו דִּינִים, וְהַסְּבָרָא הוּא לְהֵפֶךְ", פארוואס ווען א מענטש הויבט אן דינען דעם אייבערשטן הויבט אן איבער צו גיין אויף אים שוועריקייטן, צרות און יסורים; עס וואלט ווען געדארפט זיין פארקערט, אז ווען מען הויבט אן דינען דעם אייבערשטן זאל קומען רחמים וחסדים!

זאגט דער רבי: "כִּי יֵשׁ שְׁנֵי מִינֵי יִרְאָה, יִרְאַת הָעֹנֶשׁ וְיִרְאַת הָרוֹמְמוּת", עס זענען דא צוויי סארט מורא האבן פונעם אייבערשטן, עס איז דא וואס זייער מורא פונעם אייבערשטן איז 'יראת העונש' - ער האט מורא אז ער וועט באקומען א שטראף, וואס דאס איז אויך זייער א גרויסע מדריגה; דאס אליינס אז מען האט מורא פונעם אייבערשטן, מען גלייבט אז דער אייבערשטער שטראפט אויב מען זינדיגט, דאס איז זייער א גרויסע מדריגה. דאס גלייבן אז די וועלט איז נישט א הפקר וועלט, נאר אויב מען זינדיגט און מען טוט נישט תשובה באקומט מען אן עונש, טוט אפהיטן דעם מענטש מען זאל נישט זינדיגן און זיך אויפפירן ווי אזוי די תורה הייסט.

## דאס איז אזוי ווי א קינד וואס האט מורא פונעם שטעקן

עס איז א גרויסע מדריגה ווען א מענטש האט מורא פונעם אייבערשטן אז דער אייבערשטער זאל אים נישט שטראפן, דאך איז דאס נישט דער ציל צו וואס מען דארף צוקומען. דער זוהר הקדוש (תיקוני זוהר ה:) רופט אן יראת העונש א שוואכע יראה ווייל מען האט נישט מורא פונעם אייבערשטן אליינס, נאר פונעם עונש וואס מען וועט באקומען פון אים, דאס איז אזוי ווי א קינד וואס האט מורא פונעם שטעקן און נישט פונעם מענטש וואס כאפט אן דעם שטעקן.

## נאכדעם קען מען זוכה זיין צו יראת הרוממות

דער עיקר צו וואס מען דארף צוקומען איז צו 'יראת הרוממות' - מורא האבן פונעם אייבערשטן אליינס, אבער מען קען נישט צוקומען צו די מדריגה נאר אז מען האט קודם יראת העונש, מען איז צוגעוואוינט צו מורא האבן פונעם עונש, הערשט נאכדעם קען מען זוכה זיין צו יראת הרוממות, מורא האבן פונעם אייבערשטן אליינס.

דער רבי זאגט: "יִרְאַת הָעֹנֶשׁ נִקְרָא צֶדֶק", מורא האבן פון אן עונש ווערט אנגערופן 'צדק', ווייל צדק איז א לשון פון משפט, מען האט מורא צו טון שלעכטס ווייל מען וועט אים משפט'ן און מען וועט באקומען א שטראף. "וְיִרְאַת הָרוֹמְמוּת נִקְרָא אֱמוּנָה", ווידעראום מורא האבן פונעם אייבערשטן אליינס, דאס ווערט אנגערופן 'אמונה', "כִּי מֵחֲמַת שֶׁהוּא מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הוּא רַב וְשַׁלִּיט עִקָּרָא וְשָׁרְשָׁא דְּכָל עָלְמִין, הוּא יָרֵא מִמֶּנּוּ וְיָדוּעַ הוּא", ווייל ווען מען גלייבט אז אלעס איז דער אייבערשטער, עס איז נישט דא קיין שום מציאות אויסער דעם אייבערשטן, דער אייבערשטער זעט אלעס און הערט אלעס וואס מען טוט, דער אייבערשטער פירט די וועלט מיט א פונקטליכע חשבון וכו', דורך דעם קומט מען צו די מדריגה אז מען הייבט אן מורא האבן פונעם אייבערשטן אליינס, "כִּי אִי אֶפְשָׁר לָבוֹא לֶאֱמוּנָה רַק עַל יְדֵי יִרְאַת הָעֹנֶשׁ", אבער מען קען נישט צוקומען צו האבן א שטארקע אמונה, מען זאל לעבן מיטן אייבערשטן - נאר אז מען האט יראת העונש, "כִּי מֵחֲמַת שֶׁהוּא יָרֵא מֵהָעֹנֶשׁ מַאֲמִין שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הוּא תַּקִּיף וּבַעַל הַיְכֹלֶת וּבַעַל הַכֹּחוֹת כֻּלָּם, וּמִזֶּה בָּא לֶאֱמוּנָה יוֹתֵר גְּדוֹלָה", ווייל אז מען האט מורא פונעם אייבערשטן אז מען וועט ווערן געשטראפט, פון דעם בויט זיך אויף א שטארקע אמונה.

## וויבאלד דער מענטש שטארקט זיך און האט אמונה, ווערן אלע דינים בטל פון אים

יעצט פארשטייט מען שוין פארוואס ווען א מענטש הויבט אן דינען דעם אייבערשטן גייט אריבער אויף אים שוועריקייטן, ווייל: "תֵּכֶף כְּשֶׁרוֹצֶה לֵילֵךְ בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר, צָרִיךְ לִהְיוֹת לוֹ יִרְאָה הַנִּקְרָא צֶדֶק", ערשט דארף מען אנהויבן מיט יראת העונש, וואס ביי דעם שטייט (תהלים ט, ט): "וְהוּא יִשְׁפֹּט תֵּבֵל בְּצֶדֶק", דער אייבערשטער משפט דעם מענטש לויט וואס ער האט געטון, "לְפִיכָךְ מִתְעוֹרְרִין עָלָיו הַדִּינִים", דעריבער גייט אריבער אויף אים וואס עס גייט אריבער, "אַךְ כְּשֶׁבָּא אֶל הָאֱמֶת, הַיְנוּ אֶל הַיִּרְאָה הַנִּקְרָא אֱמוּנָה", און וויבאלד דער מענטש שטארקט זיך און האט אמונה, ער ווייסט אז אלעס איז דער אייבערשטער, "אָז כָּל הַדִּינִין נִמְתָּקִין בְּשָׁרְשָׁן", ווערן אלע דינים בטל פון אים, ווייל ער נעמט אריין אין זיך אז עס איז גארנישט דא אויף די וועלט אויסער דעם אייבערשטן, דאן ווערט פון 'צדק' 'אמונה', און דעמאלט: "וְכָל טִיבוּ וְכָל נְהוֹרָא שַׁרְיָא בָּהּ", האט דער מענטש אלע ליכטיגקייט און אלע גוטס.

דער עיקר דארפן מיר קודם בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן מורא האבן פון אים כאטשיג די יראת העונש וואס ווערט אנגערופן 'צדק', וועלן מיר נאכדעם זוכה זיין צו לעבן מיט אמונה און מיר וועלן האבן אלעס גוטס.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

**ווי אזוי קען איך ראטעווען מיין ברודער?**
**מיין באלעבאס האט נישט קיין שום געפיל צו מיין שווערע ארבעט**

קוקסט ארויס אויף די קומענדיגע גליון בעז"ה!

צו באקומען די גליון וועכנטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218 אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**